שולד אין אים, האָבּן זיי דאָך פֿאַרלאַנגט פֿון פּילאַ־
29 טוסן, אַז ער זאָל אומגעבּרענגט ווערן. און ווען
זיי האָבּן אויסגעפֿירט אַלץ, וואָס שטייט געשריבּן
וועגן אים, האָבּן זיי אים אַראָפּגענומען פֿון דעם
30 העלץ און אים אַרײַנגעלייגט אין אַ קבר. ג־ט אָבּער
31 האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון די טויטע; און ער האָט
זיך בּאַוויזן בּמשך פֿון אַ סך טעג צו די, וואָס זענען
אַרויפֿגעגאַנגען צוזאַמען מיט אים פֿון גליל קיין
ירושלים, און זיי זענען איצט זײַנע עדות צום פֿאָלק.
32 און מיר זאָגן אײַך אָן די גוטע בּשורה, אַז די הבטחה,
33 וואָס איז געגעבּן געוואָרן צו די אבות, די דאָזיקע
(הבטחה) האָט ג־ט מקיים געווען צו אונדז, זייערע
קינדער, דערמיט וואָס ער האָט אויפֿגעוועקט ישוען,
ווי עס שטייט אויך געשריבּן אין דעם צווייטן
(קאַפּיטל) תהלים: דו בּיסט מײַן זון, איך האָבּ דיך
34 הײַנט געבּוירן. און אַז ער האָט אים אויפֿגעוועקט
פֿון די טויטע, כּדי ער זאָל זיך מער נישט אומקערן
צו פֿאַרדאַרבּונג, האָט ער אַזוי געזאָגט:

איך וועל אײַך געבּן די הייליקע און בּאַגלויבּטע
חסדים פֿון דוד. (ישעיהו נה, ג.)

35 דערפֿאַר זאָגט ער אויך אין אַנדער שטעלע:

דו וועסט נישט געבּן דײַן חסיד צו זען פֿאַר־
דאַרבּונג. (תהלים טז, י.)

36 וואָרום דוד, נאָך דעם ווי ער האָט געדינט זײַן דור
לויט ג־טס עצה, איז אײַנגעשלאָפֿן, און איז געלייגט
געוואָרן צו זײַנע אבות און האָט געזען פֿאַרדאַרבּונג;
37 ער אָבּער, וועמען ג־ט האָט אויפֿגעוועקט, האָט
38 נישט געזען קיין פֿאַרדאַרבּונג. דעריבּער זאָלט איר
וויסן, בּרידער, אַז דורך דעם דאָזיקן ווערט
39 אײַך אָנגעזאָגט די פֿאַרגעבּונג פֿון זינד; און יעדער,
וואָס גלויבּט אין אים, ווערט גערעכטפֿאַרטיקט פֿון